# צער בעלי־חיים (געדאַנקען פֿון אַ נאַריש ייִנגל) פֿון שלום עליכם

א.

— זאָלסט זײַן אַ ווויל ייִנגעלע, וואָלטסט דו אונדז געהאָלפֿן אָנרײַבן כריין, ביז מיר וועלן פֿאַרטיק ווערן מיט די פֿיש לכּבֿוד דעם הייליקן יום־טובֿ.

אַזוי מאַכט צו מיר די מאַמע ערבֿ שבֿועות נאָך האַלבן טאָג, און אינאיינעם מיט דער קעכין שאָבט זי די פֿיש צו דער מילכיקער סעודה, נאָך לעבעדיקע, נאָך צאַפּלדיקע פֿיש וואָס אַז מע האָט זיי אַרײַנגעלייגט אין אַ שיסל, אַ גרויסע ליימענע געגלייזטע שיסל, מיט וואַסער, האָבן זיי זיך נאָך געוואָרפֿן.

מער פֿון אַלע האָט זיך געוואָרפֿן אַ קליין קאָרעסל נעבעך מיט אַ גרויס בײַכעלע, מיט אַ קײַלעכיק מײַלעכל און מיט רויטע אייגעלעך. דאָס דאָזיקע קאָרעסל האָט שטאַרק חשק געהאַט, אַ פּנים, צוריק אין טײַך אַרײַן, האָט זיך עס געוואָרפֿן, געשפּרונגען פֿון שיסל אַרײַן, געעפֿנט דאָס מײַלעכל, געפּאַטשט מיטן עקל און געשפּריצט מיר דאָס וואַסער גלײַך אין פּנים אַרײַן: „ייִנגעלע, ראַטעווע מיך!...ראַטעווע מיך!“...

איך וויש־אויס דאָס פּנים און נעם זיך צו דער אַרבעט, רײַבן כריין אויף יום טובֿ, און טראַכט מיר: „אָרעם קאָרעסל וואָס דו ביסט! איך קאָן דיר גאָרנישט טאָן... אָט וועט מען דיך נעמען צו דער אַרבעט: מע וועט דיך אָפּשאָבן, וועט מען דיר אויפֿטרענען דאָס בײַכעלע, אויסטרײַבערן די קישקעלעך. נאָכדעם וועט מען דיך צעשנײַדן אויף שטיקלעך, אַרײַנלייגן און טעפּל אַרײַן, באַזאַלצן און באַפּעפּערן, אַוועקשטעלן אויפֿן פֿײַער און קאָכן און פּרעגלען, און בראָטן און בראָטן“...

— אַ רחמנות, זאָג איך צו דער מאַמע, אַ צער בעלי־חיים.

— אויף וועמען אַ צער בעלי־חיים?

— אויף די פֿישעלעך.

— ווער האָט דאָס דיר געזאָגט?

— דער רבי.

— דער רבי?

זי קוקט זיך איבער מיט דער קעכין, וואָס העלפֿט איר שאָבן די פֿיש, און ביידע צעלאַכן זיך.

— דו ביסט אַ נאַר, און דײַן רבי איז נאָך אַ גרעסערער, האַ־האַ...רײַב דעם כריין, רײַב!

אַז איך בין אַ נאַר — דאָס ווייס איך. דאָס זאָגט מיר די מאַמע אַלע מאָל. און דער טאַטע אויך. נאָר אַז און די ברידער אויך, און די שוועסטער אויך.נאָר אַז דער רבי איז נאָך אַ גרעסערער נאַר ווי איך — דאָס איז בײַ מיר אַ נײַעס.

ב.

איך האָב אַ חבֿר פּינילע, אַ שוחטס אַ ייִנגל. בין איך געקומען אַ מאָל צו אים צו גאַסט און האָב דערזען , ווי אַ קליין מיידל האָט געבראַכט צו זיי צו טראָגן אַ גרויסן גאַלאַגאַנסקן האָן, געפּענטעט די פֿיס מיט שטריקלעך. מײַן חבֿרס פֿאָטער, דער שוחט, איז געשלאָפֿן, און דאָס מיידל איז געזעסן בײַ דער טיר און געוואַרט. דער האָן, אַ יונגאַטש מיט ביינער, האָט זיך געריסן נעבעך פֿונעם מיידלס הענט, געדריגעט מיט די געזונטע פֿיס איר אין בויך אַרײַן, דערלאַנגט אַ פּיק איר אין האַנט אַרײַן, אַרויסגעלאָזט אַלע מאָל אַ „קאָ־קאָ־קאָ“ פֿונעם האַלדז — פּראָטעסטירט ווי ווײַט מעגלעך. דאָס מיידל איז אָבער אויך נישט געווען קיין פּראָמאַך. האָט זי דעם האָנס קעפּל אַרײַנגעלייגט צו זיך אונטערן אָרעם, געגעבן אים אַלע מאָל אַ שטורך מיטן עלנבויגן און אַ זאָג דערבײַ:

— זײַן אײן געהאַקטע װוּנדן.

און ער האָט זי געפֿאָלגט און געזעסן אײן געהאַקטע װוּנדן. נאָכדעם, אַז דער שוחט איז אױפֿגעשטאַנען, האָט ער געװאַשן די הענט און אַרױסגענומען דעם חלף. ער האָט מיט אַ װוּנק געהײסן זיך דערלאַנגען דעם האָן. איך האָב דערזען, אַז אױפֿן בחור איז געקומען אַ נײַע הױט. עס האָט זיך אים, אַ פּנים, אױסגעװיזן, אַז דאָס בינדט מען אים אָפּ די געפּענטעטע פֿיס און מע לאָזט אים אָפּ פֿרײַ, צו זײַנע הינער, צו דער פּראָסע און צו דער קאָרעסע מיט װאַסער. צום סוף האָט אים דער שוחט אַ נעם געטאָן צו זיך צװישן די פֿיס , מיט אײן האַנט פֿאַרריסן אים דאָס קעפּל, מיט דער אַנדערער אױסגעפֿליקט אים עטלעכע פֿעדערלעך, אים אַ טובֿה געטאָן און געמאַכט אַ ברכה, און כיק — מיטן חלף איבערן האַלדז, אָפּגעצאַפּט אַ ביסל בלוט אין אַש אַרײַן, און אַ שלײַדער פֿון זיך. איך האָב געמײנט, ער װעט צעשאָטן װערן.

— פּיני! דײַן טאַטע איז אַ גױ! — זאָג איך צו מײַן חבֿר.

— מיט װאָס איז ער אַ גױ?

— נישטאָ בײַ אים קײן „צער בעלי־חיים“.

— איך האָב גאָר נישט געװוּסט, אַז דו ביסט אַזאַ חכם. — זאָגט צו מיר מײַן חבֿר און טראָגט מיר אונטער אַ גאַנץ שײן פֿײַג גלײַך אונטער דער נאָז.

ג.

אונדזער קעכין איז אַ בלינדע אױף אײן אױג. מע רופֿט זי „פֿרומע מיטן אײגל“. אַ מױד אָן אַ האַרץ. אײנמאָל האָט זי אָפּגעשמיסן די קאַץ מיט קראָפּעװע דערפֿאַר, װאָס ס'האָט זיך איר אױסגעװיזן, אַז די קאַץ האָט אַװעקגעשלעפּט אַ לעבערל פֿונעם זאַלצברעטל. צום סוף, אַז זי האָט איבערגעצײלט נאָך אַ מאָל די עופֿות מיט די לעבערלעך, האָט זיך אױסגעלאָזט, אַז זי האָט געהאַט אַ טעות. זי האָט גערעכנט, אַז מע האָט געקױלעט זיבן עופֿות, האָט באַדאַרפֿט זײַן נאָך איר חשבון זיבן לעבערלעך, און ס'איז נאָר געװען זעקס עופֿות. און װי באַלד אַז זעקס עופֿות, דאַרף דאָך מער נישט זײַן אַז זעקס לעבערלעך, — גאָטס נסים!... אומזיסט חושד געװען אַ קאַץ.

קערט איר מײנען, אַז פֿרומע האָט זיך גענומען צום האַרצן, געגאַנגען מסתּמא איבערבעטן די קאַץ? װײס איך װאָס — פֿאַרגעסן! אי זי האָט פֿאַרגעסן, אי די קאַץ האָט פֿאַרגעסן. אין אַ פּאָר שעה אַרום איז די קאַץ געזעסן גאַנץ סטאַטעטשנע אױפֿן פּריפּעטשיק און באַלעקט זיך, גלײַך װי ס'איז גאָרנישט געװען. נישט אומזיסט זאָגט מען: אַ קאַצענער מוח.

איך האָב אָבער נישט פֿאַרגעסן. נײן. איך האָב נישט פֿאַרגעסן. איך זאָג צו אונדזער קעכין: „אומזיסט געשמיסן אַ קאַץ. אומזיסט גענומען אױף זיך אַן עבֿירה — צער בעלי חיים. גאָט װעט דיך שטראָפֿן“.

— װעסט נישט אַװעקגײן? אָט געב איך דיר מיט דער האַנטשירקע איבערן פּנים!

אַזױ זאָגט פֿרומע מיטן אײגל און גיט־צו:

— רבונו של עולם! פֿון װאַנען נעמען זיך אַזעלכע נאַרישע קינדער אױף דער װעלט? ...

ד.

דאָס איז געװען איבער אַ הונט, װאָס מע האָט אים אָפּגעקאָכט מיט זודיק װאַסער. טאַקע זי, די אײגענע „פֿרומע מיטן אײגל“. אַך, האָט אים װײ געטאָן, דעם הונט! פֿריער האָט ער געקװיטשעט, געשריגן, געבילט מיט סכּנות נפֿשות, אײַנגעלײגט די װעלט. דאָס גאַנצע שטעטל איז זיך צונױפֿגעלאָפֿן אױף זײַן בײז װוּנדער און געלאַכט, און געלאַכט. די אַלע איבעריקע הינט װאָס אין שטעטל האָבן זיך אָפּגערופֿן, איטלעכער פֿון זײַן מיסט, איטלעכער אױף זײַן שטײנער, גלײַך װי מע פֿרעגט בײַ זײ אַ דעה... נאָכדעם, אַז דער אָפּגעקאָכטער האָט זיך גוט אױסגעקװיטשעט, האָט ער אָנגעהױבן װױען, אונטערהאַװקען, לעקן די פֿאַרװוּנדעטע פֿעל און װײנען שטילערהײט. עס האָט מיך אָנגענומען בײַם האַרצן. איך גײ־צו צו אים, איך װיל אים שענקען אַ גלעט:

— נאַ, סירקאָ (Сірко)!

דער הונט האָט דערזען, אַז איך הייב אויף די האַנט, האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט, ווי נאָך אַ מאָל אַן אָפּגעבריטער, צונויפֿגענומען דעם עק און איז אַוועק — אַוועק.

— סטאָי (стой), סירקאָ! — פּרווו איך מיך אים אײַנשטילן מיט ווייכע רעד, — וואָס אַנטלויפֿסט דו, נאַרעלע? איך וויל דיך דען טשעפּען?

אַ הונט בלײַבט אַ הונט. אַ שטומע צונג, ער ווייסט נישט פֿון קיין „צער בעלי־חיים“.

דערזעט דער טאַטע, אַז איך פּאָרע זיך מיטן הונט, גיט ער מיר אַ רעכטע פּאָרציע:

— אין חדר אַרײַן, דו הינטשלעגער!...

בין איך שוין גאָר דער הינטשלעגער.

ה.

און דאָס איז געווען איבער צוויי פֿייגעלעך. צוויי פּשוטע, קליינע, פֿייגעלעך, וואָס צוויי שקצימלעך, איינער אַ גרעסערער, דער אַנדערער אַ קלענערער, האָבן דערהרגעט. די צוויי פֿייגעלעך, אַ זיי זענען אַראָפּגעפֿאַלן אויף דער ערד, האָבן זיי נאָך געלעבט, געזעסן צעלאָזט די פֿעדערלעך, געציטערט נעבעך און געפֿלאַטערט מיט אַלע אבֿרים.

— ריר זיך, דו מאָפּס! — האָט דאָס גרויסע שגצל אַ זאָג געטאָן צום קלענערן שגצל, און זיי האָבן גענומען די אונטערגעשלאָגענע פֿייגעלעך אין די הענט אַרײַן און האָבן גענומען זיי שלאָגן מיט די קעפּלעך אין בוים אַרײַן, ווי מיר, אַ שטייגער, שלאָגן הושענות אין שטענדער אַרײַן, ביז די פֿייגעלעך זענען אויסגעגאַנגען.

— וואָס טוט איר דאָס! — האָב איך מיך נישט געקאָנט אײַנהאַלטן און האָב מיך אײַנגעשטעלט צו צולויפֿן צו די שקצימלעך.

— כיבאַ שטשאָ (Хіба що)? וואָס איז דען? האָבן זיי מיר געענטפֿערט גאַנץ רויק. — צעזש וואָראָבצי (Це ж воробці)!

— ס'איז דאָך נישט מער, הייסט דאָס, ווי פֿייגעלעך, פּראָסטע פֿייגעלעך.

— און אַז פֿייגעלעך, איז וואָס? אויף אַ פֿייגעלע איז דען נישט קיין רחמנות, קיין „צער בעלי־חיים!“

ביידע שקצים האָבן זיך עפּעס מאָדנע איבערגעקוקט. און גלײַך ווי זיי האָבן זיך אויפֿגערעדט נאָך פֿון פֿריער, האָבן זיי מיך גענומען צו דער אַרבעט...

אַז איך בין געקומען אַהיים, האָט מײַן קאַפּאָטעלע אויסגעזאָגט די גאַנצע מעשׂה. האָט מיר דער טאַטע מקיים פּסק געווען לויט מײַן פֿאַרדינסט.

— אָפּגעריסענער נאַר! — שרײַט אויף מיר דער טאַטע. מילא „אָפּגעריסענער נאַר“ בין איך אים מוחל. פֿאַר וואָס קומט מיר אָבער פּעטש?...

ו.

פֿאַר וואָס קומט מיר פּעטש? זאָגט דען נישט דער רבי אַליין, אַז אַלע באַשעפֿענישן זענען בײַם אויבערשטן טײַער? אַפֿילו אַ פֿליג אויף דער וואַנט טאָר מען נישט זאַטשעפּען, זאָגט ער, איבער „צער בעלי־חיים“. אַפֿילו אַ שפּין, וואָס איז שוין אַ מזיק, טאָר אויך אַ מענטש נישט הרגענען. און ער זאָגט דאָס מיט אַ טעם: „ווען ס'זאָל אים קומען, זאָגט ער, מיתה, וואָלט אים גאָט אַליין הרגענען“...

פֿרעגט זיך אַ קשיא: גוט. ווי באַלד אַזוי, הײַנט למאַי קוילעט מען אָקסען, קעלבלעך, שאָף און עופֿות — אַלע טאָג?...

און נישט נאָר בהמות, חיות און עופֿות — מענטשן הרגענען זיך דען נישט איינס דאָס אַנדערער? אָט בשעת „פּאָגראָם“ האָט מען דען נישט געוואָרפֿן קליינע קינדער , עופֿעלעך, פֿונעם בוידעם אַראָפּ?...

האָט מען דען נישט געהרגעט אונדזער שכנס אַ מיידעלע — פּערעלע האָט זי געהייסן — און נאָך ווי אַזוי געהרגעט!...

אַך, ווי איך האָב ליב געהאַט דאָס קינד! און ווי דאָס קינד האָט מיך ליב געהאַט! „פּעטער בעבעבע“ פֿלעקט זי מיך רופֿן — איך הייס וועלוועלע — און רײַסן מיך בײַ דער נאָז מיט אירע קליינע דינע זיסע פֿינגערלעך... צוליב איר, צוליב פּערעלען, רופֿן שוין מיך אַלע „פּעטער בעבעבע“.

— אָט גייט דער „פּעטער בעבעבע“, וועט ער דיך נעמען אויף די הענט.

ז.

פּערעלע איז געווען אַ קראַנק קינד. דאָס הייסט, אַזוי איז זי געווען נישקאָשע, נאָר גיין האָט זי נישט געקאָנט. נישט גיין, נישט שטיין, נאָר זיצן. פֿלעגט מען זי דאַרפֿן טראָגן אויף די הענט אין דרויסן אַרויס. זעצן אין זאַמד אַרײַן, אויף דער זון. זי האָט ליב געהאַט די זון. סכּנות ליב געהאַט. פֿלעג איך זיך אַרומטראָגן מיט איר, פֿלעגט זי מיך אַרומנעמען דעם האַלדז מיט אירע דינע זיסע פֿינגערלעך. זיך צוטוליען צו מיר מיטן גאַנצן־גאַנצן לײַבעלע, אַרויפֿלייגן אויף מיר דאָס קליינע קעפּעלע: „ליב דעם פּעטער בעבעבע“. אונדזער שכנה קרעני זאָגט, אַז זי קאָן נאָך עד היום נישט פֿאַרגעסן אָט דעם „פּעטער בעבעבע“, און טוט זי אַ קוק אויף מיר, אַזוי מוז זי, זאָגט זי, דערמאָנען זיך אָן איר פּערעלע...

בייזערט זיך אויף איר מײַן מאַמע, למאַי זי וויינט. מע טאָר נישט וויינען, זאָגט די מאַמע. מע טאָר נישט זינדיקן. מע דאַרף פֿאַרגעסן... פֿאַרגעסן...

אַזוי זאָגט איר די מאַמע און פֿאַרשלאָגט איר „האַקע־באַקע“. און מיר טרײַבן די מאַמע דורך: „איך זאָל מיך נישט דרייען פֿאַר די אויגן, וועט מען זיך נישט דערמאָנען אָן דעם, וואָס מע דאַרף נישט“...

האַ־האַ! ווי איז דאָס מעגלעך, מע זאָל זיך נישט דערמאָנען? און דערמאָן איך אין אינעם דאָזיקן קינד, אַזוי שטעלן זיך מיר טרערן אין די אויגן אַליין פֿון זיך, פֿון זיך ...

— זעט נאָר, ער וויינט שוין ווידער, דער חכם! — רופֿט זיך אָן פֿרומע מיטן אייגל צו דער מאַמען. און די מאַמע טוט אויף מיר אַ גיכן קוק און צעלאַכט זיך:

— פֿאַרגאַנגען דיר דער כריין און די אויגן אַרײַן? אַ מכּה דער מאַמע! ס'אַ האַרבער כריין דאָס איז! פֿאַרגעסן אים אָנזאָגן צומאַכן די אויגן, אַ צרה איז מיר!... נאַ דיר מײַן פֿאַרטעך... וויש אויס די אויגן, נאַריש יינגל, און די נאָז אין איינוועגס וויש אָפּ...די נאָז! די נאָז!...